# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# דעם רמב"ם'ס
# צוואה

אידיש

**469**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

# רפואת הנפש
# ורפואת הגוף

## מאת הרמב"ם ז"ל

## אויף לשון קודש און אויף עברי טייטש.

דער רמב"ם ז"ל האט מחבר געווען דאס ספר אויף לשון קודש מיטן נאמען **הלכות דעות**, צו געבען אלע אידען רפואת הנפש ורפואת הגוף, אידישקייט און מענשליכקייט. און דורך השתדלות הרב הגאון המפורסם ר' יודל ראזענבערג שליט"א פון **לאדז** דער מחבר פון פיעל ספרים מפורסמים, איז דאס ספר איבערגעזעצט געווארען אויף עברי טייטש, כדי אלע קלאסען אידען זאל קאנען דורך דעם ספר בעקומען א געזונדען גוף מיט א לויטערע נשמה.

## דעם רמב"ם'ס צוואה

דא תערם באשריבין די לעבענס-געשיכטע פון דעם גרויסן הייליגן מאן (מבחר החכמים אור ישראל רבינו משה בן מיימון ז"ל (הרמב"ם) זייער שיינע אינטערעסאנטע ספורים (ערציילונגען).

# צוואת הרמב"ם ז"ל

נדפס בלשה"ק (בסוף ספר „לקח טוב" לר' אברהם יג"ל ז"ל) בשם מוסר נאה מאד מהרמב"ם ז"ל לבנו תרב החכם ר' אברהם ז"ל.

אברך איך טוא לויבין השי"ת וואס ער האט מיר די עצה גינעבין (איך זאל אים מקבל זיין צו דינען אים) אונ אין דיא אמתע וועג האט ער מיר גיפירט, דיינע גינאדע טוא איך דער מאנען אויף אלע גוטעס וואס ער האט מיר פאר געלטינט, ער האט מיר געשטראפט מיט יסורים אום מיך צו לייטערין פון מיינע זינד אבער צום טויט האט ער מיר ניט איבער גיענטפערט, מיט זיין רעכטע האנד האט ער מיר אן גענומען אונ אונטער דעם שוטץ פון זיין האנד האט ער מיר באהאלטין (בעת עס איז גיקומען פורעניות אויף דער וועלט), פון דיא לידונג פון גלגל (ד. ה. די וועלט וואס דרייט זיך וויא א גלגל) האט ער מיר ארויס גיצויגען, אונ פון זיינע אום קערונג (וואס דיא וועלט דרייט זיך פון רייך אויף ארעם, פון גליק אין אונגליק) האט ער מיר גירעטעט, אין דעם מיגיל פון דער צייט האט ער מיר גילייטערט, אונ פון דיא שווארצקייט פון יונגשאפט האט ער מיר ווייס גימאכט, אונ פון דיא יוגענט ווילדיקייט האט ער מיר אפ גישייט, פון דיא מלחמת פון יצר הרע האט ער מיר בארוהיגט אונ האט אן גישריען אויף דעם נחש וואס האט מיר אן גירעט צוא שלעכטס, אונ פון זיינע זיסקייט האט ער מיר געמאכט פאר זוכען, אונ פון דער ערד האט ער מיר אויף גישטעלט, אונ מיט גרויס ארטיגע אדיל לייט האט ער מיר גיזעצט, דיא טעג האבין מיר גילעריגט, אונ דער נסיון האט מיר גיקליגט אונ דיא צייט האט מיר מכבד גיוועזן (ערקלערט דיא גוטע וועג), אונ ביז יעצט (ביז דיא מדרגה וואס איך האלט יעצט) האט ער גיבענצט אונ מחיה גיוועזן, פון דעם צווייטין האט ער מיר גימאכט פאר שטענדיג אונ ער האט מיר געמאכט פאר שטיין איך זאל וויסען דעם אונטערשייד צווישין גוטס אונ שלעכטס, אז אין זיין האנט איז מיין ענדע האט ער מיר געמאכט וויסין, אבער איך אליין ווייס ניט ווען מיין צייט איז צוא שיידין זיך פון דער וועלט, דרום זיין ליבשאפט האט מיר ער-וועקט, לאזין צוואה מיינע קינדער וואס ער האט מיר הונג [illegible]

אז זייא זאלין היטין נאטעס וועג, אונ לערנען זייא דיא חכמה וואס ער
האט מיר גילערינט, אונ מאכין זייא ארבין דאס וואס ער האט מיר
גימאכט ארבין, איידער ער וועט מיר צוא זיך רופין, אונ זיין כבוד
וועט מיר צוא אים איין נאמלען.

שמעוני בני, הערט מיר צו מיינע קינדער, איר זאלט זיין גיבענטשט
פון גאט דער באשעפער פון הימיל אונ ערד, ער
זאל אייך בענטשין הימלס ברכות (ד. ה. אלע גוטעס וואס דער הימיל
טוהט געבין אויף דער וועלט), ער זאל אייך בענטשין דאס אבגרונד
בענטשונג (ד. ה. אלע בענטשונג וואס דער אבגרונד טוט געבין אויף
דער וועלט), אויך זאל ער אייך בענטשין מיט פריידען צו געבירען
קינדער (ד. ה. דיא פרויען זאלין גרינג געבירען), אונ זייא גוט צוא
דערנערין, עס זאל קיין מאל ניט פעליג זיין זייער שפייז, שטארקט
זיך צו זיין מענטשין, פירכטעט זיך פאר אייער גאט, דער גאט
פון אייער פאטער, דער גאט פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק
ויעקב, אונ דינט אים מיט אגאנצע הארץ מיט ליבשאפט (ד. ה.
זיין ליבשאפט זאל ערפילען אייער גאנצע הארץ) ווארום יראת
ברייגנט זהירות (צוא זיין אפ גיהיט פון זינד) אונ אהבה ברייגנט
זריזות (גישווינדיגקייט צוא מצות), איר זאלט וויסין אז גאט וועט
ברייגען צום משפט אלע מעשים פון מענטשין סייא וואס ער טוט
בגלוי (אנדעקט) סייא בנעלם (פאר בארגענערהייט) ד. ה. ער טוט
עבירות מענטשין זאלין ניט זעהען, אדער ד. ה. סייא וואס ער טוט
מיט דיא אברים וואס זיינען אנדעקט אונ סייא וואס ער טראכט אין
דיא גידאנקען אויף גוטס סייא אויף שלעכטס (ד. ה. השי"ת וועגט
אלין סייא ביא אמצוה סייא ביא איין עבירה ח"ו מיט וואס פאר
אזריזות אונ מיט וואס פאר איין חשק אונ מיט וואס פאר אשמחה
מיא האט גיטאן דיא מצוה אדער דיא עבירה ח"ו), דער וואס פירט
זיך אין אגוטע וועג צאלט אים השי"ת דיא פירות פון דיא מצות
בעוה"ז, אלע וואס זעהען אים, לויבין אים, אלע וואס קענען אים
רימען אים, ווייל איז יענעם וואס ער פירט זיך אין גוטין וועג צוא
גאט אונ צוא לייטין, אונ אז עס וועט ערפילט דער צאל פון זיינע

טעג, בעת ער נעמט אפ שייד פון דער וועלט פרייט ער זיך מיט זיינע גוטע מעשים אונ דיינעט ווייניג-דאס וועגן שטארבין, ווייל ער האט ניט קיין זינד פאר וואס מורא צו האבין, פאר קערט ער האפט נאך צו איין גוטין לוין צו זעהען אין דיא גוטעס וואס השי״ת האט באהאלטין פאר דיא יראי שמים, אונ זיין הויז גיזינד וועט השי״ת אויף ריכטין זייא זאלין עקסיסטירען ביז אייביג — אבער דער וואס פאר דארבט זיין וועג (ער פירט זיך שלעכט אויף אויף דער וועלט געגין השי״ת אדער געגין מענטשין) אונ יאגט זיך נאך שלעכטעס, וועט דיא שלעכטעס אים נאך יאגין אונ גרייכען אונ פארדארבין זיינע מעשים, דער וואס זעהעט אים פאר קרימט אויף אים זיין מויל, אונ באליידיגט אים מיט דיא לעפצין, אונ בעת ער שיידט זיך פון דער וועלט טוט אויף אים זיין לייב וויטאגין אונ זיין נשמה טוט אויף אים טרויערין וואורום ער איז אן גיברייט צו פינצטערנעס פון קבר אונ גיהנם, אונ מיט דיא פינצטערנעס ווערט זיין נאמען אויס גימעקט, אונ זיין פאמיליע גייט צו שטראנד, קיינער לייגט אויף זייא קיין מיטלייד ניט איבער דיא שלעכטיגקייט פון זייער פאטער.

**אחלי לפניכם** איך בעט אייך מיינע ליבע קינדער איהר זאלט דער קענען דעם יתרון פון דיא ליכטיגקייט (ד. ה. דיא גוטע וועג) אויף דיא פינצטערנעס (ד. ה. דיא שלעכטע וועג) אונ זייט ממאס (פאר האסט) דעם טויט אונ דאס שלעכטס (דאס איז דער אויף פירונג פון דיא רשעים) אונ קלייבט זיך אויס דעם לעבין מיט גוטעס (דאס איז דער אויף פירונג פון דיא צדיקים) וואורום דעם רשות צו פירין זיך אין גוטען וועג אדער אין שלעכטע ח״ו איז אפ גיגעבין צום מענטשין. וויא ער וויל אזו פירט ער זיך, קיינער צווינגט אים ניט — גיוויינט זיך איין אין אלע גוטע מדות וואורום דער נאטור פון מענטשין וועקסילט זיך נאך דיא גיוואונהייט, „אונ דיא גוואונהייט איז דיא צווייטע-נאטור“, — איהר זאלט וויסין אז (שלמות הגוף) דאס הייסט זיך אויס בילדין דעם חאראקטער (דיא מדות) איז פריער פאר שלמות הנפש (ד. ה. אהבת ה׳, יראת ה׳

דְבַקוּת בּוֹ (ר״ת אי״ד שבוה תלוי שלמות נפש ח״שׂ״אלי) וָואס אַיין איד אִיז זוֹכֶה צוּא דֶעם, דוּרְךְ זַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, אוּנ שְׁלֵמוּת הַגּוּף אִיז וִויא אַשְׁלִיכִיל וָואס עֶפִּינְט אוֹיף דֶעם זָאל (דָאס אִיז שְׁלֵמוּת הַנֶּפֶשׁ) וָוארוּם וָוען דֶר מֶענְטְשׁ אִיז פַאר דָארְבִּין אִין מִדוֹת אוּנ חַארַאקְטֶער אִיז עֶר נִיט זוֹכֶה צוּא שְׁפִּירִין דִיא זִיסְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה (אשר דרכיה דרכי נועם כו׳ ומתוקים מדבש ונופת צופים *) אוּנ אִיז נִיט זוֹכֶה צוּא גֶעטְלִיכֶע וִויסֶענְשַׁאפְט, דְרוּם זָאל זַיין אַייעֶר כַּוָּנָה זִיךְ אוֹיס בִּילְדִין דֶעם הַארַאקְטֶער אוּנ אַיין פְּלַאנְצִין אִין זִיךְ גוּטֶע מִדוֹת כְּדֵי אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם צוּא פַאר שְׁטֵיין דִיא טִיפְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה, עֶס זָאל פַאר אַייךְ גִיעֶפִינְט וֶוערִין דִיא טוֹיעֶרִין פוּן הִימִיל (ד. ה. דִיא סוֹדוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה).

---

*) אונ דאס קען זיין דיא כוונה פון דיא פסוקים (תהלים קי״ט) „אשרי תמימי דרך״ וגו׳, דער נאמען „תם דרך״ קען מען זאגין דיא כוונה אזוי וויא איינער וואס ער וואהר געשיקט אוים צו זעהען אוועג פיר רייזענדער, מוז ער אכטונג געבין אויף דיא גאנצע שטרעקע עס זאהל קיין שום שטרויכלונג ניט זיין, ניט קיין גריבער, ניט קיין שטיינער, ניט קיין זומפען, אונ ווען ער זאהל פאר זעהן איניגע ווארטין קען זיין אז דארטין געפינט זיך דיא אלע שטרויכלונגען אונ נאכהער ווען דיא רייזענדע וועלין דארטין דורך גיין וועלין זייא אלע געשטרויכילט ווערין אונ ער אליין (דער דורך זעהער) ווערט אויך געשטרויכילט, אדער מען קען זאגין דעם משל, ווען מען וויל מאכין א ליניע דער באהן זאהל אויף איהר גיין מוז מען אויס גלייכין דיא גאנצע וועג פון דיא ליניע אונ לייגען רעלצעס, אום אונר אום, אונ ווען מען זאהל אין איין ארט פאר זעהן צוא פאר גלייכען, אדער צו לייגען א רעלצע, זייגען דיא פאסעזירען אין גיפאהר ח״ו, דיא זעלבע איז אויך ווען דער מענש איז פריער געגריגדעט מיט גוטע מדות (זיטען) אונ פאר גלייכט פריער זיינע מענשענשאפט עס זאהל זיך אין איהם קיין קרומקייט געפינען, נאר ער טוט אלט וואס גלייך איז וויא עס שטייט אין פסוק (ועשית הישר והטוב) ד. ה. דוא זאלסט טאן וואס גלייך אונ גוט איז, נאך דעם אז ער וועט לערנען תורה וועט ער הנאה האבין פון איהר זיסקייט אונ פון איהר טיפקייט (דעם טיפען שכל) אט דאס זאגט דער פסוק (אשרי תמימי דרך) ווייל איז ווען דיא מענשין וואס זייא הייסען „תמימי דרך״ (ד. ה. „גלייכע וועגין״ וויא מיר האבין פריער ערקלערט אין משל) „ההולכים בתורת ה׳״ ווען זייא גייען אין גאטס תורה, דען ווען דער מענש איז ניט אויס געבילדעט אין גוטע מדות (זיטען) איז ווען ער לערינט תורה קען ער נכשל ווערין אין אפולע שלעכטעס, אונ אויך ער מאכט אז אנדערע זאלין אויך נכשל ווערין ווייל מען לערינט זיך אב פון איהם, דען מען זאגט „אז יענער למדן מתוס אזוי ווא

אידר זאלט זיך פידן וויא נכבדים, פאר מיידעט זיך פון דיא קאמפאניעס פון קלים (לייכטזיניגע) אונ פון ליידיג גייער אונ פון גילעכטערלאך פון יונגע לייטלאך. ווייל פון דעם וואקסט שלעכטע פרוכט, איר זאלט זיך שטענדיק גיפינען אין דיא קאמ-פאניעס פון וויכטיגע מענשין אונ חכמים, נור שטיין פאר זייא מיט ענוה אונ הכנעה, אונ שטיין אין דעם נידעריגסטען ארט, אונ לייגט צו אייער קאפ אונ עפינט אויף אייער הארץ איין צו הארכין אונ צו פאר נעמען זייערע רייד. וואס זיי שענדין אונ וואס זייא לויבען. יעדער זאך זאלט איר איבער ווענין אין דיא גיוויכט פון שכל. היט אייער מויל אונ דעם צונג פון צו מערין רייד פאר זייא. ווענט אייערע רייד ווארום דורך מערין רייד וועט גימערט ווערין אייערע טעותין. איר זאלט זיך ניט אויס פייגען אונ גרויס האלטין פאר דיא חכמים אונ ניט שעמען זיך צו פרעגין וואס פון אייך איז פאר הוילין נאר אין דער צייט ווען עס פאסט אונ מיט אלשון וואס עס פאסט — רעכינט אויס אונ ווענט איבער יעדער זאך איידער איר לאזט ארויס פון מויל, ווארום נאך דעם קען מען שוין ניט אום קערין. — ליבט דיא חכמת התורה גלוסט איר וויא געלט אונ זוכט איר וויא באהאלטענע אוצרות — זאמילט זיך איין אין דיא הייזער פון חכמי התורה וואס לערנען אליין אונ לערנען מיט דעם צווייטין, דארטין זאל זיין אייער שפאציר גאנג. אונ נעמט זיך פארגניגין הערינדיג פון זייא חכמת התורה אונ מוסר, חדושי תורה אונ פלפול. — זייט

מקנא

---

זאלין מיר שוין טאהן", אונ דאס בישטעט אויך דהמע"ה אין דיא פסוקים (אחלי יכונו דרכי) ד. ה. איך ביטטע דיר גאט אז מיינע וועגין פון מיין וועלט רייזע זאלין ווערין גוט צו געריכט, דארום איך זאל קענען (לשמור חוקיך) היטען דיין תורה, (אז לא אבוש בהביטי אל כל מצותיך) דען אז דער מענש האט אין זיך גוטע מדות, אונ לערינט ניט אונ וויים ניט דיא תורה, וועט ער האבין פיל שאנדע דער פון בעוה"ב, אונ ווען ער וויים דיא תורה אונ לערינט איר, אבער ער האט ניט אין זיך קיין גוטע מדות (זיטען) וועט ער אויך האבין דער פון פיל שאנדע בעוה"ב, דאס זאגט דהמע"ה (אז לא אבוש) ווען וועל איך זיך ניט שעמען (בהביטי אל כל מצותיך) ד. ה. ווען איך וועל אין זיך האבין ביידע מעלות, גוטע [illegible] לערנען דיא תורה.

מקנא דיא וואס קענען דיא תורה אונ פאר באכט אין הארצן דיא
גולמ'ס (דיא וואס ווילען ניט קענען) — אז איר וועט עפעס הערען
אדער ענטפערען זאלט איר ניט פלוטערען אונ ניט שרייען, רעט
מיט אשיינעם אויס שפראך, באוואוסט אונ רוהיג, אייערע ווערטער
זאלען זיך צילען צום ענין וואס איר רעט וויא איינער וואס וויל זיך
לערנען אונ זוכט דעם אמת ניט וויא אקריגער וואס זוכט נאר נצחון.
פאר נאמט זיך דארטען מיט אייער גוטען ווילען אונ זייט זיך מתבונן
צו באקומען דארטען איין נוטץ דאן וועט אייך צימליך זיין אונ ניט
צו שווער זיין. אבער ווען איר וועט פארנאנדער לאזען אייערע
געדאנקען הין אונ הער, איז לא די וואס איר וועט קיין רווח ניט
זיין, איר וועט אפילו דעם קרן אויך פאר לירען. ווארום איר וועט
זיך טאגען ווייניג אויס לערנען אונ עס וועט אייך זיין צו לאסט דיא
אויפהאלטונג דארטען אונ עס וועט אייך אפ שוואכען דעם קערפער—
אונ בעת איר גייט ארויס פון דבין ריינקט זיך איבער וואס נעמט
איר מיט אהיים, זעצט דאס איין פעסט אין מוח אונ בינדט דאס
איין אין הארצן:

לערינט אין אייער יוגענט בעת אייער שפייז איז אן גיברייט, אונ
אייער הארץ איז נאך לעדיג פון טרדות הפרנסה אידער
דיא וועט פול ווערען מיט טרדות אונ דער כח הזכרון וועט אפ
גישוואכט ווערין. ווארום עס וועט קומען אצייט וואס איר וועט
שוין וועלין לערנען אבער דיא צייט וועט אייך ניט ערלויבען אונ
דיא ביסעלע וואס איר וועט שוין קענען לערנען אין דיא עלטערע
יארין וועט איר זיך גאר פאר מאטערין מיט ווייניג נוצין, ווארום דיא
הארץ האלט ניט נאך דיא מויל (ד. ה. דיא מויל רעט אונ דיא
הארץ איז טרוד אין דאגות אונ טרדות) אונ אפילו דיא ביסעלע
וואס דיא הארץ וועט שוין אן יאגען דיא מויל וועט זיך גאנץ
קורץ איין האלטען אין אייך. אונ איר וועט דאס גיך פאר געסן.
ווארום דיא יונגע יארין וויא בורלאנטין. שעצט אייער יעדער
מינוט וויא גרויסע שאץ:

אויך

איך ענטפער אייך איבער מיינע דברי מוסר אין האנט. איר קענט דער פון ציען גרויס נוצין ווען איר זאלט לערנען און חזרין צוא פאר שטארקין דעם אמת און אפ טאן די פארפלאנטערונג. — ווען איר וועט געפינען אין תנ"ך אמיפין פסוק אדער אפרשטעלטין מאמר אין תלמוד, וואס איר וועט ניט פארשטיין זיין כוונה און אייך וועט זיך אפ דאכטין אז ער איז סותר פנות התורה, אדער אזוי רייד וואס ביטין קליינעם שכל דוכט זיך אז זיי זיינען ניט קיין קלוגע רייד, זאלט איר זיך ניט אראפ רוקין פון די אמונה און זאל ניט מבולבל ווערין אייער שכל, האלט זיך פעסט אן די אמונה און דעם פעלער הייגט אן אייך אן (אז אייער שכל איז קורץ-זיכטיג צוא פאר שטיין די זאך). ליגט דאס אפ אן אזייט אות פאר אונוויכדיגט ניט אייער אמונה ווייל איר פאר שטייט ניט דעם מאמר חז"ל אדער דעם פסוק פון תנ"ך. דען גאט מאכט וויסען די וועג ווי צו פארשטיין דאס, צו די הייליגע מענשין וועלכע זיינען ווירדיג דאס צו פארשטיין, דען נאר ער ווייס איר ארט (וואס דער געדאנק פון דעם פסוק אדער דער מאמר איז):

ליבט דעם אמת און די גערעכטיגקייט און באהעפט זיך אן זיי וואָרום איר וועט מצליח זיין מיט זיי, און די הצלחה פון די עסקים וואס זיינען געגרינדעט אויף אמת וצדק איז אפעסטע הצלחה ווי אַ איינער בויעט אויף אַשטארקין פונדאמענט פאר האסט שקר און עולות און גלוסט ניט צוא זייער געשמאק וואָרום דער בנין וואס מען בויט אויף שקר און שווינדעל איז ווי איינער בויט אויף זאמד נאר עט וואס אַריר פאלט דאס איין — דרום זאל ביי אייך זיסער זיין דער אמת און צדק אפילו אייך וועט זיך אויס דוכטין צו האבין היזק פון דעם, בעסער און מערער פון שקר און עולה וואס אייך וועט זיך אויס דאכטין צו פארדינען פון דעם, און אזוי זאגט דער חכם שלמה המלך (אמת קנה ואל תמכור) ד. ה. לאז זיך קאסטין געלט אויף דעם אמת און פאר קויף אים ניט צו ליב געלט — איר זאלט וויסין אז דער אמת און דער צדק זיינען די התקשרותין פון די נשמה (וואס די נשמה ציהט זיך

מיט זייא אויס) אונ זייא גיבן שטארקייט אונ פאר זיכערונג און עהרליכקייט צום קערפער — אונ איך האב ניט געפונען אזא טייערע רפואה צו ווייכען דיא הארץ וויא דיא צוא זאמען מישונג פון אמת מיט צדק, אונ עס האבען מיר ניט אזוי באפעכטיגט אונ בארוהיגט מיינע קאמפאניעס פריינד אונ דיא שטארקסטע פעסטונגען אונ שווערד אונ פאנצער וויא דיא הוט פון אמת אונ דער פאנצער פון צדק. דרום מיינע ליבע קינדער אז עס וועט קומען מיין צייט צוא שיידען זיך מיט אייך אונ מאכען אייך ארבען דאס וואס השי"ת האט מיר גימאכט ארבען וויל איך אייך מאכען ארבען דיא מדה פון נאמנות (ערליכקייט, ראיעלקייט: פינקטליכקייט, דער "יא" ווארט זאל זיין יא, דער "ניין" ניין) וואס דורך דעם האט מיר דער בורא ית"ש גימאכט ערווערבען מיין רייכטום מיט דיא גדולה, ווארום בעת איך האב זיך גישייד פון מיינע עלטערין איז מיר נאר גיבליבען מיין שטעקין אונ מיט אים בין איך גיפארין פאר דינען מיין ברויט שפייזין דיא פאמיליע, אונ השי"ת האט מיר גיבענשט אונ האב דער לאנגט אזוי אזעליכע שטופע אונ דורך וועמען? נאר דורך דיא נאמנות, דיא נאמנות האט מיר רעקאמאנדירט אונ אריין גיבראכט אין אזעלכע הויכע ערטער וואו מיינע קרובים אונ פריינד האבין ניט דער לאנגט, אונ האט מיר גימאכט ירשינען וואס מיינע עלטערין האבין מיר ניט גימאכט ירשינען, אונ האט מיר גימאכט גיוועלטיגען אז איך האב גיהאט צוא שאפין אויף גרעסערע אונ בעסערע פון מיר, אונ האב מצליח גיווען אונ זיך נוצין גיטאן אונ דעם צווייטין אויך, דרום פאר זאג איך אייך מיינע ליבע קינדער אז איהר זאלט זיין זהיר אין נאמנות צוא אלע מענטשין סייא אידין סייא אנדערע נאציאנען, קיינעם ניט נארין אונ ניט גאנווענען זיין דעת — האלט אייער ווארט, זאל זיי אייך ניט זיין וויכטיגער אייער אונטער שריפט וואס איר שרייבט מיטין האנט וויא אייער ווארט וואס איר רעט מיטין מויל, (דיא מויל שטייט העכער וויא דיא האנט), דיא צווייא ווייטיגקייט (צוא ריידין מיטין מויל אזוי אונ טראכטין אין זיך אנדערש) ווארצילט

אויס

אוים פון זיך, אונ דאס גלייבן נאר אזארט קרומקייט אונ שווינדלעריי אונ פוילקייט, וויא איז דעם וואס בויט זיין הויז אויף דעם, אין זיינע העלפט יארין וועט ער איר פאר לאזן אונ זיין ענדע וועט זיין שאלקהאפטיג — לעבט אין תמימות אונ אין ציכטיגקייט אונ רידט ניט אן קיין פרעמדע אויף דאס מינדעסטע — פאר זוכט ניט אויף אהאר דאס וואס ניט אויף געווים אייערע, אונ דיא נאך וואס אייך איז אספק צו עם איז אייערע אדער יענעמס, אנטלויפט פון דעם אונ שטעלט דאס אין יענעמס חזקה (אז מן הסתם איז דאס יענעמס) — איר זאלט וויסן אז ווען מען פאר זוכט נאר איין מאל פון אספק (טאמער איז דאס מיינע) ציהט דאס ביסלאך ווייס אריין אן צוא רידין וואס עם איז געווים יענעמס, אונ אביסעלע ברייגט צוא אפולע אונ פאר גאנגע ברייגט צוא עפינטליכע זאכין ביז וואנען מיא ווערט אמוחזק פאר אקיקלער אגנב אונ אגזלן אונ איין אן נעצער, אנטלויפט פון דעם וויא ווייט די אויגן טראגין, דער שקרן לעבט אין בושה אונ שטארבט אין חרפה, דאס אלץ זאג איך אייך וואס איך האב אויף מיין לעבין געזעהן אונ פראקטיצירט אונ האב זיך אראפ גענומען אמוסר אז דיא תאוה טראגט מעקענע גיבירט זיא שקרוי אונ דער וואס זייט גירעכטיגקייט שנייט ער גינאדע. יתחינט זיך מיט מוסר אונ שעצט זיך גליקליך מיט נאמנות ווארום עם איז ניטא אזא יחסן וויא דער ארעל מאן מיט גוטע מדות אונ עם איז ניטא אזא רייכע ירושה וויא נאמנות — זייט מקרב אפילו אייערע ווייטע קרובים, ברייגט זיך אין צוא איין גידעריגין פון אייך, ווייזט אפריילעכן פנים צו עלינטע אונ שפלע מענשין, ערבארימט זיך אויף אביונים אונ פאר שעמטע, ערפרייט זיא אין אייערע שמחות אונ דער מאנט זיך אן זייא אין אייערע ימים טובים מיט דיא גוטעם וואס גאט האט אייך גיבענטשט, נאר היט זיך זייער זייא זאלין ניט פאר שעמט ווערין דורך אייערע געשאנקען — איר זאלט זיך ניט פאר מידין גוטעם טאן וויא ווייט אייער מעגליכקייט איז נאר ווען איר קענט — פאר מאכט דיא לידיג גיין אונ פאר מאוכט דיא רוהיג ניגין ווארום

דער

דורך דעם ווערט פארדארבן די געזונד מיט די קעשענע מיטן שכל מיטן כאראקטער, און די לידיג גיין און פוילקייט איז צו לייטער פארן שטן ארויף צו קריגן דעם מענטשן אויפן קאפ, און פון יעדער ארבעט האט דער מענטש אנוצן אפילו ווען ער פאר דינט ניט פון איר, לפחות איז ער ניט לידיג געזעסן:

איר זאלט ניט פאר אונווירדיגן אייער זעלע מיט מחלוקת וואס דאס פארלענט דעם קערפער און די נשמה און די געלט, היינט וואס בלייבט אים איבער, איך האב געזעהן ליכטיגע זיינען פינצטער געווארן און הארין זיינען שפל געווארן, און פאמיליעס זיינען צו שטאנד געווארן און גרויסע לייט זיינען אראפ פון זייער גדולה און גרויסע שטעט זיינען אויס געריסן און וויסט געווארן און גרויסע געזעלשאפטן זיינען צו שפרייט געווארן, און פרומע לייט זיינען קאליע געווארן און בעלי נאמנות זיינען פאר לארין געווארן און אן שטאנדיגע מענטשן זיינען גרינג און פאר שעמט געווארן. אלץ דורך מחלוקת, נביאים האבן נביאות געזאגט און חכמים האבן געזאגט קלוגע רייד און פילאזאפן האבן ערקלערט און פארגיליינט די אונגליקן וואס מחלוקת ברייננט און דאס איז נאך אלץ גאר ניט, מחלוקת ברייננט צו אזעלכע אונגליקן וואס קיין נביא און קיין חכם און קיין פילאזאף איז ניט אום שטאנד דאס ארויס צו שרייבן, דרום מיינע ליבע טייערע קינדער פאר מאכט איר און אנטלויפט פון דעם ווייא פון אגיפטישע שלאנג און ענטווייטערט זיך פון די מענטשן וואס ליבן איר און האבן נאר צד אין דעם. און אפילו אייערע איין נאהינטער קרוב ווען ער איז אקריגער מאכט זיך פרעמד צו אים און ענטווייטערט זיין התקרבות. טאמער וועט איר נעמען אטייל אין זיינע זינד, פארימט זיך און שטעלט זיך גלייך מיט די מדת הסבלנות (פאר לידן אלץ, ניט שטרעפן אויף די פיקלאך קיין זאך) וואראם דאס איז די גראדע גבורה און דער וואהרער נצחון, וואראם ווען איר וועט זוכן נקמה נעמען פיליכט וועט איר עס ניט ערקריגן און ניט אויס פירן וועט איר זיך נאר אן מאכן פיינטשאפט און וועט נאר צו בריינגען

צו די בושה נאך חרפה מיט דעם וואס איר וועט ניט אויס פירין און רעכינט אפילו ווען איר וועט אויס פירין און וועט זיך שוין נוקם זיין אן יענעם, באטראכט וואס פיר נוצין האט דאס אייך גיבראכט, כמער ניט וויא פאר זינדיגט זיך קעגין השי"ת וואס ער האט פאר זאגט אין דער תורה „לא תקום כו'" איר זאלט זיך ניט נוקם זיין (ראכע נעמען) אן דעם צווייטין און באררעכינט זיך וואס פאר אונווירדיגע פריינטין די ראכע האט אייך גיבראכט, פיינד-שאפט אויפען צווייטען, איין מערדישע הארץ, צו מישטין שכל צו שטערט דעם שלאף, צו מישט די ארבעט, אנדעקט אייערע פעלערין פאר ענדערונג אין פנים (טיראנישע גיזיכט) פאר דארבין דעם כאראקטער און מענשליכען גיפיל, מיט אזעלכע שמוציגע פריינטין האט אייך די ראכע באשאנקען דרום זאלט איר זיך גינומען אין זין און ערקענען די מעלות פון סבלנות מיט דעם וועט איר פאר היילגט זיין אין די אויגין פון אייערע פיינד, זייא וועלין ערקענען אייער אדעלען כאראקטער, חנם איר קענט נעמען ראכע פון זייא פון דעסט וועגין פארצייעט איר זייא און טראגט גיט נאך קיין פיינדשאפט אויף זייא, וועט דער מאוויכט זייא אזוי ווייט גריינגען אז זייא וועלין חרטה האבין אויף זייער נארהייט וואס זייא האבין אייך שאדין גיטאן און אייער זעלע וועט זיין זייער גרויס גיאכט ביי זייא אין די אויגין, און זייא וועלין זיך איבער צייגין און טאן מיט אייך גוטעס, דאס איז אויב זייא זיינען מענשין מיט פולין פאר שטאנד, און אויב זייא זיינען נארעשע און שאלקהאפטיגע מענשין וועט דאס זייא קריינקען, ווארום פירט ער זיך ניט אזוי וויא זייא מיט פארדארבענע מדות, וזלזולים, באליידיגען, ראכע נעמען, וועט איהר קיניגין אויף זייא מיט דעם קרוין פון מוסר און אדעל — פירט זיך מיט ענוה, ווארום די מדת ענוה איז וויא א לייטער וואס אויף איר גייט מען ארויף צוא די העכסטע מדות און מעלות, און מיט די מדות וועט איהר קיין מאל ניט האבין קיין ליידין, באדיינקט זיך, אז עס איז ניטא אזא צירונג וויא ענוה, משה רבינו ע"ה דער רבי פון אלע נביאים האט די תורה אים ניט אזוי באריהמט מיט אלע מדות וויא מיט ענוה

הָגַם זַיין שְׁווֶעסְטֶער מִרְיָם אוּנ אַהֲרֹן הָאבֶּין אִים בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעסְט וֶועגֶין הָאט עֶר דָאס אַוֶועק גִימַאכְט אוּנְטֶערִין הַאנְד אוּנ גִיבְּלִיבִּין זַייא דֶער זֶעלְבִּיגֶער פְרַיינְד וִויא פְרִיהֶער אוּנ נָאךְ מִתְפַּלֵל גִיוֶועזֶן אוֹיף אִיר בְּעֵת זִיא אִיז גִיוָוארִין מְצוֹרַע, אַז השי״ת זָאל אִיר הַיילִין:

הִיט דֶעם שְׁלָאס פוּן אַייעֶר מוֹיל אוּנ דֶעם צוֹים פוּן צוּנְג נִיט צוּא עֶפֶענֶען וואוּ נִיט נֵייטִיג אוּנ נוּצְבַּאר אִיז, נֶעמְט זִיךְ אִין אַכְט אַז דֶעם טַייעֶרִין שַׁאץ פוּן רֵיידִין הָאט דָאס גָאט גֶעשָׁאנְקֶען דֶעם מֶענְטְשִׁין מֵהֲמַת זַיין גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּא אִים מֶער וִויא צוּ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענֶעס פוּן דֶר וֶועלְט וָואס דוּרךְ דֶעם זָאל דֶר מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען חָכְמוֹת אוּנ עֶרְקֶענֶען זַיין בַּאשֶׁעפֶער, דְרוּם דַארְף דֶער מֶענְשׁ זַייעֶר שֶׁעצִין דֶעם טַייעֶרִין פְרֵיזֶענְט אוּנ בַּאנוּצִין אִים נוּר צוּא טַייעֶרֶע זַאכִין, צוּא לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה אוּנ דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּנ עֶרְהוֹיבִּין אִים. אוּנ דֶערְצֵיילִין זַיינֶע וואוּנְדֶער, הַיינְט וִויא אוּנ-וִויסֶענְד אוּנ פַאר שֶׁעמְט אִיז דֶער מַאן וָואס פַארְבְּרַייט נוּמְעס אוֹיף שְׁלֶעכְטְס אוּנ פַארְשְׁמוּצְט אַזַא טַייעֶרִין צִירוּנְג, צוּא רֵיידִין מִיאוּסֶע רֵייד אָדֶער שֶׁקֶר, רְכִילוּת אָדֶער גְלַאט פוּסְטֶע רֵייד וָואס בְּרֵיינְגֶען נִיט קֵיינֶע נוּצִין. דָאס אִיז פוּן דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע זִינְד.

זַייט מְשַׁעֲבֵּד (מַאכְט אוּנְטֶערְטֶענִיג) דֶעם חוֹמֶר צוּם שֵׂכֶל (ד. ה. דֶעם גוּף צוּא דִיא נְשָׁמָה) וָוארוּם דִי אוּנְטֶער טֶענִיגְקַייט פוּן קֶערְפֶּער צוּם נֶפֶשׁ אִיז דִיא וַואהְרֶע אוּנ אֶמֶתֶע פְרַייהַייט אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט אוּנ יֶענֶע וֶועלְט — דֶער שֵׂכֶל מִיטִין קֶערְפֶּער זַיינֶען גְלַייךְ וִויא אַרַייטֶער מִיט זַיין פֶערְד (דֶער חוֹמֶר אִיז דִיא בְּהֵמָה אוּנ דֶער שֵׂכֶל אִיז דֶער רַייטֶער) אִיז וֶוען דֶער רַייטֶער אִיז דֶער הַאר. עֶר הַאלְט דֶעם צַאם אִין הַאנְט אוּנ קֶערֶעוֶועט דֶעם פֶערְד וואוּ מֶען דַארְף קוּמֶען זַייא בֵּידֶע לְשָׁלוֹם, אָבֶּער וֶוען דֶער רַייטֶער סְאפְּט שְׁלָאפִין אוּנ לָאזְט אַרוֹיס דֶעם צַאם אוּנ דֶער פֶערְד וֶוערְט דֶער הַאר אוּנ גֵייט וואוּ עֶר וִויל קֶען מֶען פַאר שְׁטֵיין צוּא וָואס פִיר אוּנְגְלִיקִין זֵיי קוּמֶען בֵּיידֶע. דֶער פֶערְד קְרִיכְט אַרָאפּ פוּן וֶועג אִין אַזוּמְפּ אוּנ דֶר טְרִינְקֶען זִיךְ בֵּיידֶע, דְרוּם זָאלְט אִיר הַאלְטֶען דֶעם חוֹמֶר שְׁטַארְק אִין גִיצַאמְט

ניט לאזין ארויס טרעטן איין שריט פון דרך התורה ווארום אז איר וועט אים איין מאל נאך געבן זיינע תאוות וועט ער וואס ווייטער וועלן מערער אונ וועט ניט זאט ווערין ביז וואנען ער וועט באגעהן אזעלכע זאכין וואס אונמעגליך אונ וועט זיך פארלירין מיט דעם געטליכין טייל אויך (דאס איז דיא נשמה), אבער אז דער שכל רעגירט אונ האלט איין גיצאמט דיא תאוות אונ דער חומר איז אונטערטעניג ביין שכל פאר לאנגט ער נאר וואס בעדערפטיג אונ נויטווענדיג איז, אונ ווערט זאט מיט ווייניג אונ פאר האסט דיא מותרות מיטין לוקסוס. אונ פאר בריינגט איין זיסין אונ צימליכין לעבין אונ טרייסט זיך מיטין טויט ווארום דענסטמאל וועט ער ערסט אן הייבין צוא לעבין איין אייביגין גליקליכין לעבין — עסט נור מיט דעם גידאנק איר זאלט לעבין (ניט לעבט כדי איר זאלט עסין).

אונ דאס מותרות פאר וויסט אונ פאר האסט. איר זאלט ניט מיינען אז דורך אפולע עסין אונ טרינקען וואקסט דער גוף אונ מערט זיך דער שכל אזו וויא א זאך וואס מיא פאקט אים אן מערער ווערט ער דיקער אונ העכער, ניין עס איז גראדע פאר קערט אז מען עסט ווייניגער (ניט גאנץ זאט) האט דער מאגען קרעפטין איין צו האלטין אין זיך אונ דיא נאטירליכע היץ קען עס פאר דאייען, דענסטמאל ווערט דער קערפער פולער אונ גיזינטער אונ דיא פארשטאנד ווערט בעזעצטער, אבער אז מיא עסט צוא פיל קען דער מאגען דאס ניט צו נעמען אונ די נאטירליכע היץ קען דאס ניט פאר דאייען דער גוף ווערט פאר מאגערט אונ דער שכל ווערט שוואכער אונ דיא קעסענע ווערט ליידיגער. — זייט געהיט איר זאלט ניט עסין ביז וואנען פריערדיגע עסין איז פאר דייט ווארום אז ניט פאר ליגט דאס דעם קערפער מיט דיא קעסענע. אונ באוועגט אייך פארין עסין אונ רוהעט אב נאכין עסין. איר זאלט ניט עסין הייליגדיג וויא דיא הונגער קראנקע, אונ ניט אן שפארין אפולע טויל עסין וואריג אדער גיטראנק, פאר האסט דיא אכילות וואס זיינען שעדליך הגם זייא זייען גישמאק אזוי וויא איינער האט פיינט א גזלן וואס וויל אים טויטן. עסט ניט אין נאס אזוי וויא א בהמה אונ ניט אלע מינוט וויא

שרצים נייערט אין אפ געשטעלטע צייטן אונ ביא זיך אין שטוב, פאר מיידט זיך צוא עסן אפטער אין געזעלשאפטין, איר זאלט וויסן אז אויך די סעודות פון אויפזאמלונגען ווערט ערקענט די ערציאונג פון מענטשין צוא ער איז נעט ערצויגין געווארין צוא ניט. אונ אסך מאל האט גיטראפין אז איך בין גיוועזין איין נעלאדין אין אגיזעלשאפט אונ בין גיקומען אהיים הונגעריג אונ דארשטיג מחמת פארכט, זעהענדיג דיא שאנד פון דעם צווישין — היט זיך אפ פון שטארקע גיטראנקען (וויין, בראנפין, ביר) וואס דאס ערטמארדעט פילע אונ שטארקע אונ פאר שעמט דיזע גרעסטע מכובדים, אונ מיר גיפעלט זייער דיא צוואה פון יונדב בן רכב צוא זיינע קינדער (ירמי׳ ל״ח) (איין פונקט איז דארטין זייא זאלין ניט טרינקען קיין וויין) נאר איך קען אייך אזוי ווייט ניט פאר זאגין ווייל איך האב אייך אזוי ניט איין גיוויינט פון קליין וויים אן, נור היט זיך אליין וויא ווייט מעגליך איז, טרינקט ניט גאנץ שטארקע אונ אביסעלע בעת עסין אונ ווייטער ניט, באדיינקט זיך אז ניט אום זיסט האט דיא תורה באשריבין דיא מעשה פון נח (בעת ער איז ארויס פון תיבה אונ גיפלאנצט איין גארטין אונ זיך איין גישיכערט) וואס עס האט זיך פאסירט מיט אים, דאכט זיך דיא תורה פאר שוינט דעם כבוד פון יעדער באשעפענעם אונ בפרט פון אזא צדיק, נאר דאס איז פון אונזערט וועגין צוא נעמען זיך אמוסר צוא וואס אפולע טרינקען ברייננט, איז דאס ניהא דעם צדיק אז ער איז אבייישפיל אונ

אלעהרע פאר דער וועלט היטין זייא פין שלעכטים. —

זייט וויסען אז דיא הוצאה פון מענשין ווערט איין גיטיילט אין

פיר טייל, א) רוח (פאר דינסט) דהיינו ער גיט אויס געלט אויף סחורה, פון דיא פאר דינסט זאל ער זיך שפייזין אונ דער קרן בלייבט, ווערט דאס גירופין רוח, ב) הפסד (פאר לארין) ער גיט אויס געלט אונ דאס ווערט פארלארין ער נעמט פון דעם נאר גיט גארנים, ג) מאוס, ער גיט אויס געלט אונ עס גייט אוועק אין מאוסע זאכין עס איז ניטא אויף וואס צו קוקען, ד) כבוד (ערע) ער גיט אויס געלט אונ האט פון דעם ערע. יעצט איז שר מפורש אז ביי

יעדער מענשין איז אלע הוצאות איין געטיילט אין דיא פיר זאכין 1) רוח (פארדינסט) איז דיא געלט וואס א מענש גיט אוים אויף צדקות אונ גמילות חסדים דיא פירות פון דעם גיט אים השי"ת אפ אויף דער וועלט אונ דער קרן בלייבט שטיין אויף יענער וועלט, 2) היזק, ווערט גירופין וואס מיא גיט אוים אויף שפילעריי דהיינו קארטין אונ דאס גלייכין וואס דער מענש פארלירט גאר דיא געלט, דיין יורין עורע אונ דיא צייט וואס זיא איז טייערער פון אלין, אונ ווען אפילו ער פארדינט פון דעם איז דאס גאר וויא שפין-וועבס אונ ער מאכט אן אגרויסין שולד אויף זיין נשמה. 3) מאום, ווערט גירופין דיא געלט וואס גייט אוועק אויף עסין טרינקען וואס ווערט פון דעם מאסטע זאכין. 4) כבוד, דיא געלט וואס מען גיט אוים אויף קליידונג. מיא ווערט דאך באעהרט מיט דעם, עס באדערפט דיא נאקעטע לייב. דרום מיינע ליבע קינדער באקליידט זיך וויא אייער פארשטעגין, עסט אונ טרינקט ווייניגער וויא אייער פארמעגין גיר, דיא צוא לעבין, פאר מאכט דיא קארטין שפילעריי אונ ווייכט אוים פון דיא שפילער. פאר זייט צדקות אונ גמילות חסדים מער וויא אייער פארמעגין. — ווען אייך איין גישעפט וואס איר זאלט קענען לעבין פון אים מיט אייערע יונגע פרויען אונ רירט זיך ניט אן אן אפרעמדע פרויא ווארום אסך אונגליקען איז פון דעם ארוים אונ נייער פיל דער שלאגענע זייגען פון דיא פרעמדע פרויען, רעכינט אייך גלייך וויא איר זייט אין גהי"ם קאסטין דאס הייסט עס איז גאר אויף דער וועלט ניטא קיין צווייטע פרויא חוץ אייערע, וואס איר גאר ניט וואס צו טראכטין ארום קיינע, אונ וויא איר שטעקט ארוים דיא קאפ פון אייער תויר (דאס הייסט צוא אנאנדער פרויא) פאר פלייכט אייך דער מבול. אונ אפילו מיט אייערע אייגענע פרויען זאל זיין אין דער צייט אונ וויא א מענש מעמיד זיין קינדער אונ באשטעטיגין דיא גיזונד, דיא פרויען לויפט איר אזוי וויא אפייער אז מיא נעמט זיך אויף אים פיל, ווערט מען פאר ברענט, דער קלוגער נארישט זיך פון ווייטין אונ רירט זיך אן אים אן צייטין ניים אונ איז מקבל פון אים אגרויס, צים אויף זיך ניט ארויף דיא

פרויען

פרייען לופט , עס קלעקט וואס דער רצון יאגט אליין דעם מענשין!— זייט מכבד אייערע ווייבער ווארום די פרויא איז די עהרע פון מאן . איהר זאלט ניט אפ לאזין פון מוסערין זייא מיט גוטע ווייכע רייד , פירין זייא אין גוטין וועג איין פלאנצין אין זייא גוטע זיטען מיט גוטין כאראקטער ווארום אליין קענען זייא דאך ניט לערנען , דרום דארפט איהר זעהן זייא איין געוואוינען אין גוטע מדות אונ פרומקייט . אונ לאזט זייא ניט ארויף אז זייא זאלין הערשין אויף אייך , ווארום דאס שאדעט פאר ביידין , די עהרע פון א פרויא איז וואס מעהר זיין אין איהר אייגענע שטוב ניט ארום שאטייען זיך ווען זייא ווייזין זיך ווייניגער טוען זייא ווייניגער שאדין . אנדעקט פיר זייא ניט די פארבארגינעש פון אייער הארצין וואס איינער האט אייך עפעס פאר טרויט ,(דען איין אשה מיטן מאן זיינען וויא איין קערפער פון דעסט וועגין אנטפלעקען אסוד איז דאס פארט צווייא מענשין אונ ווען צווייא ווייסען איז דאס ניט קיין סוד) דינט אייערע קרובים אונ גוטע פריינד מיט אייער גוף אונ מיט אייער געלט וויא ווייט אייער פערמעגין איז , נאר היט זיך, ניט צוא דינגען זייא מיט אייער נשמה ווארום דאס איז דער חלק פון השי"ת :